פרשת
כי תצא
תשע"ט

גליון

# עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און דערציילונגען פון צדיקים

שנה ד' - גליון ר"ג

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## מכרם רבותינו

### פון אונזער הייליגער וויינגאָרטען

### כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ

### וויסן אז אלעס קומט פון השי"ת

דער **בעל הטורים** ברענגט א רמז, אז די לעצטע ווערטער פון פרשת שופטים איז "כי תעשה הישר בעיני ה'", און באלד נאכדעם הייבט זיך אָן אונזער פרשה "כי תצא למלחמה", ווייל תורה וויל דא זאגן אז טאקע נאר די צדיקים - די וואס פירן זיך ערליך און טוען "הישר בעיני ה'", זיי פלעגן ארויסגיין אין מלחמה (ווי עס שטייט אין פרשת שופטים אז דער וואס האט געהאט עבירות, האט מען אהיימגעשיקט פון די מלחמה).

אויך געפונען מיר אין די משנה אין **מסכת ראש השנה** "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וגו', וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה, אֶלָּא לוֹמַר לָךְ: כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם הָיוּ מִתְגַּבְּרִין" אז די סיבה פארוואס די אידן האבן מְנַצֵּחַ געווען אין די מלחמה קעגן עמלק ווען משה רבינו האט געהאלטן זיינע הענט אויף ארויף (ווי די תורה זאגט אין פרשת בשלח) איז וויבאלד דעמאלטס האבן די אידן אויפגעהויבן זייערע אויגן און ארויפגעקוקט צו השי"ת. **דער אלטער רבי - מרן רבינו יחיאל זי"ע** ערקלערט די כוונה, אז ווען א איד קוקט "כלפי מעלה" און ער אנערקענט אז אלעס קומט פון השי"ת, און אלע זיינע חושים און כוחות וואס ער פארמאגט נאר, אלעס גיבט איהם דער אייבישטער, דאס גיבט איהם דער כוח און מאכט אז ער זאל זיך קענען שטארקן אויף אלעם.

מיט די הקדמה איז מסביר מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** "כי תעשה הישר בעיני ה'" גייט ארויף אויף אזא איינער וואס נוצט א רוחניות'דיגע בליק, ער קוקט מיט "עיני השם" און ער ווייסט און זעהט אז אלע זיינע כוחות קומט פון השי"ת, און ער געדענקט דעם אייבישטער אין יעדע זאך - שויתי ה' לנגדי תמיד, מיט דעם כוח קען מען מקיים זיין "כי תצא למלחמה על אויביך" ארויסצוגיין אין א מלחמה קעגן דער יצר הרע, און עס וועט מקויים ווערן "ונתנו ה' אלקיך בידך", ווייל ווען א איד ווייסט און גלייבט אז אלעס קומט פונעם אייבישטער מיט דעם כוח קען מען זיך דאָך שטארקן און אלעס געווינען.

(ספה"ק תפארת שמואל א')

### פרקי אבות פרק א' וב'

#### הֱוֵי זָהִיר בִּקְרִיאַת שְׁמַע וּבִתְפִלָּה (פ"ב מי"ג)

**דער אלטער רבי מרן רבינו יחיאל זי"ע** פלעגט זאגן אויפן **יוד הקדוש פון פרשיסחא זי"ע** אז יעדן איינציגסטן טאג פארן דאווענען, פלעגט דער יוד הק' זיך געזעגענען פון אלע זיינע פריינט און באקאנטע, צוליב זיין גרויסע עבודה ביים דאווענען און זיין התפשטות הגשמיות, אזוי אז ער האט נישט געוואוסט אויב זיין נשמה וועט זיך נאך צוריקערן צו איהם נאכן דאווענען.

(ספה"ק ישמח ישראל, תולדות י"א)

### וְהָיָה לִפְנוֹת עֶרֶב יִרְחַץ בַּמָּיִם

### די עבודה פון חודש אלול

עס שטייט אין אונזער פרשה כִּי יִהְיֶה בְךָ אִישׁ אֲשֶׁר לֹא יִהְיֶה טָהוֹר וגו', און די תורה הק' זאגט "וְהָיָה לִפְנוֹת עֶרֶב יִרְחַץ בַּמָּיִם" אז דער טמא'נער מענטש זאל זיך טובל'ען אין וואסער ווען ס'קומט פאַרנאַכטס און אזוי וועט ער ווערן ריין ווען די זון גייט אונטער.

מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** טייטשט דעם פסוק בדרך רמז, אז דאס גייט ארויף אויף די עבודה פון א איד אין חודש אלול. די ווערטער "לִפְנוֹת עֶרֶב" איז א רמז אויף סוף פונעם יאר, ווען דער יאר קערט זיך צו ענדיגן, אזוי ווי דער אָוונט קומט צו גיין סוף פונעם טאג, און דעמאלטס איז אונזער עבודה "יִרְחַץ בַּמָּיִם" עוסק צו זיין אין תורה הקדושה, ווי חכמינו ז"ל זאגן "אֵין מים אלא תורה", און תורה איז טאקע די ריכטיגע טהרה מיט וואס א איד קען זיך רייניגן פון זיינע עבירות און תשובה טוהן, און ווי **דער אלטער רבי פון ווארקא - הרה"ק רבי יצחק זי"ע** פלעגט זאגן בלשון קדשו "די גרעסטע טהרה איז די גמרא".

און דער ענין איז אויך מרומז אין אנהייב פון אונזער פרשה אינעם פסוק "וּבָכְתָה אֶת אָבִיהָ וְאֶת אִמָּהּ יֶרַח יָמִים" אז די כוונה פון 'ירח ימים' איז חודש אלול דער חודש פון תשובה און תיקון המעשים. און דערפאר ווערט עס אנגערופן "יֶרַח **יָמִים**" -זאגט דער תפארת שמואל- וויבאלד אונזער תפקיד אין דעם חודש איז צו מאכן אז דער גאנצער חודש זאל זיין ווי 'טאג' דורכ'ן אויסנוצן די צייט און אפילו די נעכט צו תורה ועבודה וואס זיי זענען מטהר דעם מענטש און זענען מכפר אפילו אויף די האַרבסטע עבירות, די נעכט פון אלול זאלן ווערן אויסגענוצט ווי 'טעג'.

(ספה"ק תפארת שמואל ה')



## ענבי הכרם

### אנערקענען די מעלות פון יעדן איינעם

אין אונזער פרשה געפונען מיר די ציווי וואס די תורה הק' באפעלט א איד "מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר וגו' נְדָבָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ בְּפִיךָ". מרן דער **ישמח ישראל זי"ע** ערקלערט די כוונה, אז א איד דארף האלטן הייליג און טייער זיין מויל און אלעס וואס ער רעדט ארויס מיט איר, וויבאלד עס איז א מתנה פון השי"ת אז מיר קענען בכלל רעדן, א בהמה האט אויך א מויל נאר זי קען זיך נישט באנוצן דערמיט און זי קען נישט רעדן. דעריבער דארף א איד שטענדיג אכטונג געבן אויף אלע זיינע רייד וואס רעדט ארויס מיט'ן מויל און עס מחשיב זיין ווי א נדר, ווייל דאס איז הייליג און טייער, א מתנה פון השי"ת. דאס זאגט די תורה מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר וְעָשִׂיתָ כַּאֲשֶׁר נָדַרְתָּ לַה' אֱלֹקֶיךָ, דו זאלסט אפהיטן דיינע רייד, וויבאלד "נְדָבָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ בְּפִיךָ" דאס וואס דו קענסט רעדן איז דאָך א נדבה און א מתנה, און דערפאר זאלסטו עס מַחשיב זיין און שעצן. (זכרון דברים)

ווי פאסיג זענען די ווערטער פון **ספה"ק תפארת שלמה** אין אונזער פרשה וואס לערנט אונז אז די ריכטיגע הכנה צום יום הדין וואס קומט צו גיין, איז טאקע דורכ'ן אפהיטן דאס מויל ווי עס דארף צו זיין, און נישט רעדן קיין שלעכטס אויף אנדערע אידן ח"ו זאל זיין ווער ס'זאל זיין. און אזוי שרייבט דער תפארת שלמה זי"ע:

די ריכטיגע הכנה וואס מיר קענען מאכן צום יום הדין ראש השנה, איז דורך אהבה אחוה און ריעות צווישן אידישע קינדער, ווי דוד המלך זאגט אין תהלים (צ"ח) בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ ה', הריעו איז א לשון פון 'רֵיעוּת' און פריינטשאפט, מ'דארף ליב האבן און אנערקענען די מעלות פון יעדער איד. אזוי אויך שטייט "אָז יְרַנְּנוּ כָּל עֲצֵי יָעַר" עצי יער מיינט ליידיגע ביימער וואס גיבן נישט ארויס קיין פירות, אפילו אזעלכע שוואכע אידן וואס ס'זעהט אויס אז זיי האבן נישט אין זיך קיין שום מעלה און גוטע מידה, אפילו זיי דארף מען ליב האבן און לויבן, ווען עס קומט דער גרויסער זמן פונעם יום הדין "לִפְנֵי ה' כִּי בָא כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ", ווייל יעדער איד האט אין זיך עפעס א מעלה און א חשיבות.

דאס זאגט דא די תורה אין אונזער פרשה אינעם פסוק "כִּי תֵצֵא מַחֲנֶה עַל אֹיְבֶיךָ וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רָע" די תורה הק' וואָרנט אונז דערמיט "**וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רָע" זאלסט זיך אכטונג געבן פון רעדן שלעכטס און אוועקמאכן א צווייטן. און דאן וועט מקויים ווערן "מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים" דער וואס וויל זוכה זיין צו לעבן, זכרנו לחיים אום ראש השנה, איז די עצה "נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה**", ווייל אז א איד רעדט נישט קיין שלעכטס אויף יענעם און ער האלט יענעם פאר א צדיק, דאן וועט איהם דער אייבישטער אריינשרייבן אין ספרן של צדיקים.

# פירותיך מתוקים

דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא

### כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ

**רש"י** זאגט אויפן פסוק כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ, "במלחמת הרשות הכתוב מדבר" אז די תורה רעדט דא פון א מלחמה וואס איז א רשות. **הרה"ק רבי אברהם יעקב פון סאדיגורא זי"ע** ערקלערט אז נאר אין אזעלכע זאכן וואס זענען א 'רשות' דארט מעג א מענטש ארויסגיין אין א מלחמה מיט'ן יצר הרע און זיך שלאגן מיט איהם. אבער אויב ס'האנדלט זיך פון א זאך וואס איז 'אסור' צו טוהן, דארט טאר מיט אפילו נישט מלחמה האלטן און זיך רייצן מיט'ן יצר הרע, מ'מוז פשוט מקיים זיין "הוי בורח מן העבירה" און אנטלויפן ווי ווייט מ'קען נאר. (נר ישראל)

### וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ

**דער יונגער רבי פון ווארקא – הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע** האט געזאגט אז ווען איינער וויל מוסר זאגן פאר זיין חבר, דארף ער זיך פריער אליינס פארבעסערן און זיין אויסגעהאלטן, און נאר נאכדעם קען מען מוסר זאגן פאר יענעם. און דאס זאגט דא די תורה הק' "וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ" קודם זאלסטו אויסרייניגן דיין אייגענע שלעכטס, און נאר נאכדעם וועט מקויים ווערן "וְכָל יִשְׂרָאֵל יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ" אנדערע אידן וועלן הערן און מורא האבן. (באהלי צדיקים)

### כָּל יָמֶיךָ לְעוֹלָם

די תורה הק' זאגט אונז אויף די די צוויי פעלקער עַמּוֹן און מוֹאָב אז מיר זאלן נישט זוכן זייער פרידן און גוטס "לֹא תִדְרֹשׁ שְׁלֹמָם וְטֹבָתָם כָּל יָמֶיךָ לְעוֹלָם". **הרה"ק רבי יחזקאל הכהן פון ראדאמסק זי"ע** טייטשט, "לֹא תִדְרֹשׁ שְׁלֹמָם וְטֹבָתָם" ווען דו זעסט אמאל ווי ס'גייט גוט און געשמאק פאר א רשע זאלסטו זיך נישט וואונדערן און פרעגן דעראויף, וויבאלד "כָּל יָמֶיךָ לְעוֹלָם" דיינע גוטע טעג זענען אנגעגרייט אינעם עולם הבא, די שכר פון צדיקים וועט קומען לעתיד לבוא אינעם עולם שכולו טוב, דאגעגן די רשעים זיי באקומען א צייטווייליגע הנאה און טובה אויף די וועלט כדי זיי זאלן נישט האבן קיין חלק אין עולם הבא. (כנסת יחזקאל)

## אֶבֶן שְׁלֵמָה וָצֶדֶק יִהְיֶה לָּךְ

דער סדר אין **אלכסנדר** איז געווען, אז צומארגענס נאך יום כיפור, פלעגן אלע חסידים וואס זענען געווען אויף יום כיפור אין אלכסנדר פלעגן אריינגיין צום רבי'ן זיך געזעגענען איידער זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אויף זייערע וועגן צוריק אהיים איש על מחנהו ואיש על דגלו. געווען איז דאס אין די צייטן פונעם **אלטער רבי'ן – מרן רבינו יחיאל זי"ע**, ווען א געוויסער חסיד א גרויסער סוחר פונעם שטאט קעלץ, וואס איז אויך געווען צווישן די חסידים, איז געבליבן זיצן אין א זייט, און איז נישט אריין זיך געזעגענען.

געווען איז דארט א חסיד מיט'ן נאמען ר' יצחק דוד געלבערג ז"ל, און ווען ר' יצחק דוד האט באמערקט אז דער סוחר גייט נישט אריין צום רבי'ן, האט ער איהם געפרעגט פארוואס ער וויל נישט אריינגיין זיך געזעגענען ווי דער מנהג איז. האט איהם דער סוחר דערציילט אז עס וואַרט איהם אפ יעצט א גרויסע משפט רח"ל, און ער וויל בעטן א ברכה פונעם רבי'ן אז ער זאל באפרייט ווערן, אבער וויבאלד יעצט איז נישט קיין פאסיגע צייט דערפאר, דעריבער קלערט ער צו בלייבן אין אלכסנדר אויך איבערן יום טוב סוכות, און נאך יום טוב וועט ער שוין אריינגיין צום רבי'ן און איהם דערציילן איבער זיין משפט.

פרעגט איהם ר' יצחק דוד "איבער וואס האנדלט זיך זיין משפט?" האט איהם דער סוחר דערציילט דעם אמת אז מ'האט איהם געכאפט אז דער וואָגשאָל מיט וועלכע ער פלעגט אפוועגן פארשידענע סחורה האט נישט געטויגט און אז ער האט אפגענאַרט געוויסע מענטשן ווי אויך די רעגירונג דערמיט...

ר' יצחק דוד איז תיכף אויפגעשפרונגען און געזאגט צום סוחר "וועגן אזא זאך ווילסטו בכלל גיין רעדן צום רבי'ן? אָך און וויי צו דיר, אויב דער רבי וועט נאר הערן איבער וואס פאר א עוולה עס רעדט זיך דא, קען ער חלילה זאגן אז עס קומט דיר טאקע א שטראף אויף דעם, און דעמאלטס וועט דיר שוין קיינער נישט קענען העלפן אין דיין משפט, ווייל דיין גורל וועט שוין ח"ו זיין פאזיגלט דורכ'ן צדיק. און נישט נאר דאס, נאר דער רבי קען דיר אויך פארשיקן פון אלכסנדר, און זאגן אז דו זאלסט מער קיינמאל נישט קומען צו פארן צו איהם, ווייל א חסיד וואס קען זיך אזוי אויפפירן און נישט זיין אויפריכטיג מיט זיין וואָג, דארף ער נישט"...

דער סוחר האט זיך שטארק דערשראקן צו הערן די ווערטער פון א חסיד וואס האט געקענט דעם צדיק און זיין באנעמונג צו אזא הארבע עבירה, און ער האט געפרעגט מיט שרעק פון ר' יצחק דוד, אויב אזוי גיבט מיר אן עצה וואס קען איך דא טוהן. האט איהם ר' יצחק דוד גע'עֵצה'ט אז אדרבה, ער זאל שוין יעצט שרייבן א קוויטל און דערמאנען אינעם קוויטל אז ער האט א משפט, אבער ער זאל נישט ארויסשרייבן איבער וואס די משפט גייט זיין, און היוֹת יעצט נאך יום כיפור זענען דא גאר אסאך מענטשן, וועט נישט זיין קיין צייט מאריך צו זיין, און דעריבער וועט איהם דער רבי נישט פרעגן קיין קשיות, נאר געבן א ברכה אז ער זאל גערעכטפארטיגט ווערן פונעם משפט, און אזוי וועט איהם געלונגען ארויס צו 'דערווישן' א ישועה אָנדעם וואס דער רבי זאל באמערקן.

און אזוי איז טאקע געווען, דער חסיד איז תיכף אריינגעגאנגען מיט א קוויטל, און וויבאלד דער רבי האט נישט געפרעגט, האט ער באקומען זיין ברכה, און איז באפרייט געווארן פון זיין משפט. (זכרון דברים)

## א נקודה...

**הרה"ק רבי מנחם מענדל פון קאצק זי"ע פלעגט זאגן:**

"וואו וואוינט דער אייבישטער?, דארט ווי מען לאזט איהם אריין"... אז א איד מאכט זיך רָאוּי דערצו, וועט די שכינה רוען ביי איהם.



# אוצר הכרם

## אן אוצר פון ידיעות וענינים, בענינא דיומא ובפרשת השבוע

### די איסור פון אנטוהן שעטנז

אין אונזער פרשה געפונען מיר די איסור "לֹא תִלְבַּשׁ שַׁעַטְנֵז" א איד טאר נישט אנטוהן א בגד וואס איז געמאכט און צוזאמען געמישט פון די צוויי מינים "צֶמֶר וּפִשְׁתִּים יַחְדָּו" וואס דאס איז וואָל (וואס קומט פון שאָף) אויסגעמישט מיט לענען וואס מען מאכט פון פלאַקס וואס וואַקסט פון די ערד.

דער איסור אז א איד טאר נישט אנטוהן קיין שעטנז איז א גזירת הכתוב און האט נישט קיין טעם אין די תורה. און ווי די תורה הקדושה זאגט אין פרשת קדושים (שמות י"ט י"ט, וואו ס'ווערט אויך דערמאנט די איסור פון אנטוהן שעטנז) "אֶת חֻקֹּתַי תִּשְׁמֹרוּ" אז די מצוה איז א חוק אָן קיין טעם, און אזוי ברענגט דארט **רש"י** בשם חז"ל "חוקים אלו גזרות מלך שאין טעם לדבר".

אבער מיר געפונען עטליכע ענינים און רמזים פון חז"ל און די **ראשונים** איבער די הארבקייט פון אנטוהן מלבושים פון שעטנז. אין **מדרש תנחומא** און אין **פרקי דרבי אליעזר** שטייט, אז וויבאלד קַיִן האט געברענגט א קרבן פארן אייבישטער "מפרי האדמה" און ווי חז"ל זאגן איז דאס געווען פלאַקס, און הֶבֶל האט דאן געברענגט א גוטע און חשוב'ע קרבן פון שאָף וואס האט אויף זיך וואָל, און זינט דעמאלטס איז פארבליבן אן איסור צוזאמצולייגן צוזאמען די צוויי זאכן, וויבאלד מ'טאר נישט צוזאמשטעלן דעם קרבן פון א חוטא מיט דעם קרבן פון א צדיק.

אין **זוהר הקדוש** פרשת קדושים (פ"ו:) ווערט ארויסגעברענגט אז ווען מ'לייגט צוזאמען צמר און פשתים טוט דאס גורם זיין א שרעקלכע פְּגַם אין רוחניות אויבן אין הימל, און ס'טוט ח"ו אפשוואכן און צוריקהאלטן געוויסע כוחות אין די עולמות העליונים אז זיי זאלן נישט קענען טוהן וואס זיי דארפן.

### די הארבקייט פונעם איסור

נאך זאגט דער **זוהר הק'** אז ווער ס'טוט אָן שעטנז טוט זיך ערוועקן אויף איהם די שרעקליכע טומאה וואס האט געהערשט אין די מעשים פון קַיִן ווען ער האט געהארגעט זיין ברודער הֶבֶל, און די דאזיגע רוח טומאה קען שאדן פאר א מענטש וואס גייט אנגעטוהן אין שעטנז.

אין די משנה אין **מסכת כלאים** (פרק ט' משנה ח') זאגט דער תנא רבי שמעון בן אלעזר אז ווער עס טוט אָן א בגד פון שעטנז "נָלוֹז וּמַלִּיז הוּא אֶת אָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם עָלָיו", די שורש פונעם וואָרט נָלוֹז באדייט אוועקריקן און בייגן, (אזויווי ס'שטייט אין משלי "בְּנִי אַל יָלֻזוּ מֵעֵינֶיךָ", און חז"ל זאגן אז די אותיות 'נז' פונעם ווארט שעט**נז** איז מרמז צו אָט דעם לשון פון נָלוֹז), און אזא איינער איז אליינס פארדרייט און אוועקגעבויגן פונעם דרך האמת, און ער רוקט נאך אויך אוועק ח"ו די רחמי שמים פון אויף זיך, ווי דער **רמב"ם** טייטשט דארט אין פירוש המשניות "סר מדרך האמת **ומסיר רחמי ה' ממנו** בעברו על המצוה"...

**הגאון בעל נודע ביהודה ז"ל** ברענגט אין זיין ספר **דרושי הצל"ח** (דרוש ח' אות ו') אז אויב א מענטש גייט אנגעטוהן מיט א מלבוש פון שעטנז אפילו בלויז פאר איין טאג, טוט דאס ברענגען אז מ'הערט נישט אויס זיינע תפלות אין הימל ח"ו במשך פערציג טעג.

דער **ריקאנטי** שרייבט אין פרשת קדושים בשם **חכמי קבלה** וואס האבן געזאגט אז די אותיות פונעם ווארט שעטנז איז "שָׂטָן עַז" (א שטארקע שטן) אז עס איז פארהאן א באזונדערע מקטרג און שטן וואס איז ממונה אויף ווער ס'טוט אָן מלבושים פון שעטנז, און ער קען ח"ו מַזיק זיין דעם מענטש וואס טוט דאס.




דער **רבי רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע** איז געבוירן געווארן בערך אינעם יאר תנ"ד אינעם שטאט פינטשוב וואס געפונט זיך אין פוילן צו זיין פאטער **הגאון רבי נתן נטע זצ"ל** וואס איז שפעטער געווען רב אינעם שטאט **אייבשיץ**, און צו זיין מוטער די צדיקת מרת שיינדל א טאכטער פון **הגאון רבי יהודה לייב צינץ אב"ד העלישוי** און **פינטשוב**. זיין פאטער רבי נתן נטע איז געווען א גדול בתורה און א בקי אין נגלה און אין נסתר, ער האט געשטאמט פון א מיוחס'דיגע משפחה זייענדיג אן אייניקל פון **הגאון בעל מגלה עמוקות זצ"ל**, און האט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים און געדינט אלס רב אין עטליכע קהלות.

פון זיינע יונגע יארן איז דער ר"ר יהונתן באקאנט געווארן אלס עילוי און גאון, בנוסף צו זיין גרויס פקחות און זעלטענע חכמה וואס איז געווען א 'שֵׁם דבר' נאך אלס יונג קינד. פילע מעשיות ווערן דערציילט איבער זיינע שארפע ווערטלעך און בליציגע געדאנקן, צווישן אנדערע זאגט מען אז ווען ער האט אמאל געלערנט אלס קליין יונגל מיט זיין טאטע די סוגיא פון "הִרְהוּר כְּדִיבּוּר דָמִי" אז ווען א מענטש האט א מחשבה און ער 'טראכט' א געוויסע זאך האט דאס א כוח פונקט ווי ער וואלט דאס ארויסגערעדט מיט זיין מויל. און דערביי רופט זיך אָן זיין טאטע צו איהם "יהונתן, איך האב יעצט געטראכט א קושיא ביי מיר אין קאפ, און וויבאלד א מחשבה איז דאָך אזויווי רייד, איז כאילו כ'האב דיר שוין געזאגט די קושיא מיט'ן מויל, אויב אזוי וואס קענסטו מיר ענטפערן דעראויף?"... דער קליינער יהונתן איז נישט שולדיג געבליבן, נאר תיכף געענטפערט מיט זיין חריפות "יא טאטע, כ'האב יעצט געטראכט ביי מיר אין קאפ א תירוץ אויף דיין קושיא, ביסטו צופרידן פון מיין תירוץ? אדער אפשר קענסטו עס אפפרעגן?"... ווייל הרהור איז דאָך כדיבור דמי.

זיין פאטער רבי נתן נטע איז אבער פריצייטיג נפטר געווארן, נאך איידער ער האט איהם געקענט ערציען און מגדל זיין צו תורה לויט זיין ווילן, און דער קליינער יהונתן איז געבליבן א יתום, און איז געהאדעוועט געווארן ביי קרובים פון זיין משפחה. שפעטער האט ער מקיים דעם והוי גולה למקום תורה און געלערנט ביי **הגאון רבי מאיר אייזנשטאט – דער פנים מאירות זצ"ל.**

נאך זיין חתונה איז דער **ר"ר יהונתן** געזעצן על התורה ועל העבודה און געלערנט מיט גרויס התמדה און פלייס. אין יאר תע"ד איז ער געקומען וואוינען אינעם שטאט **פראג,** און תיכף ומיד האט ער זיך גענומען צו הרבצת התורה און לערנען מיט תלמידים, א עבודת הקודש וואס ער האט אנגעהאלטן כל ימיו מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און ליבשאפט צו זיינע תלמידים. די תלמידים האבן איהם ליב געהאט כמים הפנים לפנים, און זיי זענען געקומען פון נאָנט און ווייט זיך צו דערווארימען צו זיין גרויסן שיין אין תורה און געטרינקן מיט דאָרשט זיינע טיפע רייד און חידושים. נאך בחייו (בערך צען יאר איידער זיין פטירה) האט מען אפגעשאַצט **אז עס האבן געלערנט ביי איהם במשך די יארן ארום צוואנציג טויזנט תלמידים אין צאָל!** און פון צווישן זיי זענען שפעטער אויסגעשטיגן מערערע רבנים און גדולי ישראל.

טראץ זיין יונגן עלטער איז ער געווארן גאר שטאק באליבט און געשעצט אין פראג, און די שטאטלייט האבן איהם מחשיב געווען לויט זיין גרויסקייט. אין אנהייב האט ער געדינט אלס דרשן פונעם שטאט ווי ער האט כסדר געהאלטן דרשות און מעורר געווען די אידן מיט זיינע פייערדיגע רייד, און שפעטער איז ער געווארן אויפגענומען אויך אלס דער ראש בין דין פון פראג.

אין די תקופה וואס דער ר"ר יהונתן האט געוואוינט אין פראג און אנגעפירט דארט מיט זיין ישיבה, האט ער אבער אין די זעלבע צייט אויך געמוזט עוסק זיין אין מסחר צו קענען מפרנס זיין און אויסהאלטן זיין ווייב און קינדער. עס איז כדאי צו ברענגן עטליכע אויסצוגן וואס עס שרייבט (אין ספר לוחות העדות) זיין תלמיד **הגאון רבי נפתלי הירש וואשטערלינג אב"ד העסין:** איך האב קיינמאל נישט געזען ביי מיין רבי'ן אז ער זאל גיין ליידיג אדער 'פארברענגן', ער האט שטענדיג עוסק געווען אין מלאכת שמים, אפילו נאך אין פראג ווען ער איז געגאנגען עוסק זיין אין פרנסה צו שפייזן זיינע קינדער האט זיך זיין מחשבה קיינמאל נישט אוועקגעריקט פון דברי תורה ווי איך האב אליינס געהערט און געזעהן... איך בין מֵעִיד אויף זיך הימל און ערד, ווי ער האט דערווייטערט שלאָף פון זיינע אויגן, ער איז כמעט נישט געשלאפן, אין די צייט ווען אלע מענטשן שלאפן פלעגט ער זיך פלאָגן און האָרעווען אויף תורה, **איך בין מסופק אויב נאך איינער אין אונזער גאנצע דור האט זיך אזוי מטריח געווען און געמאטערט אויף די תורה אזויווי מיין רבי'ן...** ער איז קיינמאל נישט געווארן נאכגעצויגן נאך הבלי עול הזה און גשמיות, ער האט קיינמאל נישט געגעסן קיין קביעות'דיגע סעודה אינדערוואכן, און אפילו ווען ער האט עפעס געגעסן איז ער געווען פארטראכט אין לערנען. צומאל האט ער זיך געקענט אויפשטעלן אינמיטן עסן און זיך ארומדרייען איינגאנצן פארטראכט בעיון, און גיין פון צימער צו צימער, ביז ער האט זיך צוריקגעקערט צום טיש איבערזאגענדיג וועלכע חידוש ס'איז איהם דעמאלטס בייגעפאלן, אין הלכה, א תוספות, אדער אין די פוסקים, אדער א וואָרט פון דרוש, **אויב כ'וועל פרואוון צו ציילן די חידושים, זיי זענען געווען אזויפיל אין צאָל מער ווי ברעקלעך זאַמד...**

זיין דאווענען איז געווען גאר געלאַסן און מיט טיפע כוונות על פי נסתר, ווי אויך פלעגט ער פארגיסן טייכן טרערן ביים דאווענען, אז נאכ'ן דאווענען פלעגט זיי אָרט זיין נאַס פון זיינע טרערן, עס האט זיך געקענט דאַכטן אז איינער האט אויסגעגאסן וואסער דארט אויפן פלאץ. און ווי דער ר"ר יהונתן זי"ע זעלבסט דרוקט זיך אויס אין א בריוו צו איינס פון די גדולי הדור, ווען ער רעדט איבער זיין דאווענען "וזה חלקי מכל עמלי" אז ער שפירט ווי דאס איז די איינציגסטע זאך פון זיין גאנצע הארעוואניע.

אין יאר תק"א איז דער **ר"ר יהונתן** אויפגענומען געווארן אלס רב אינעם שטאט **מיץ** אין פראנקרייך, ווי ער האט ווייטער אנגעפירט מיט א גרויסע ישיבה און מרביץ תורה געווען פאר תלמידים. אויך דא געפונען מיר אן ענדליכע עדות פון איינס פון די גרויסע תלמידים פונעם ר"ר יהונתן, **הגאון רבי ידידיה טיאה ווייל אב"ד קארלסרוהע** (א זוהן פון הגאון בעל קרבן נתנאל זצ"ל) וועלכע דערציילט איבער די תוקפה ווען ער האט געלערנט ביים ר"ר יהונתן אין מיץ, ווען זיי רבי איז כמעט נישט געשלאפן אין א בעט, בלויז אביסל איינגעדירמלט אויף זיין בענקל, און זיין סדר איז דעמאלטס געווען אז איין וואך פלעגט ער לערנען פאר זיך א גאנצן טאג אנגעהויבן פון אינדערפרי ביז אָוונט צייט, אָן גארנישט טועֵם זיין ביז מנחה, און דערנאך דעם קומענדיגן וואך פלעגט ער געבן א שיעור פאר די תלמידים צוויי טעג, יעדן טאג האט דער שיעור געדויערט זיבן שעה! (גדולת יהונתן)

אין יאר תק"י האט מען גערופן דעם **ר"ר יהונתן זי"ע** איבערצונעמען דעם כסא הרבנות פון די דריי גרויסע קהלות **אה"ו** - די ראשי תיבות פון די דריי שטעט **א**'לטונא **ה**'אמבורג **ו**'ואנזבאק, וואס האבן זיך געהאלטן צוזאמען ווי איין גרויסע קהלה מיט איין רב, און איז געווען פון די חשוב'סטע און אנגעזעהנסטע קהילות אין דייטשלאנד פון יענע תקופה.

ביקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רוגז... ווייזט אויס אז פון הימל שוין נישט געווען באשערט קיין מנוחה פארן צדיק, ווייל אין יענע תקופה ווען דער ר"ר יהונתן איז געווארן אויפגענומען אלס רב דארט, האט געהערשט א מגיפה רח"ל אין די שטעט פון אה"ו, ווי אסאך פרויען זענען ליידער פריצייטיג אוועק פון די וועלט נאכן געבוירן קינדער, און דעריבער זענען די שטאטלייט געקומען צו זייער נייעם רב דער ר"ר יהונתן אז ער זאל זיי העלפן און ראטעווען פון די שווערע גזירה וואס שוועבט אויף זייער קאפ. דער ר"ר יהונתן האט דאן געשריבן א ספעציעלע 'קַמֵיעַ' וואס ער האט אהינגעגעבן פאר א יולדת אז זי זאל דאס טראגן מיט זיך אלס שמירה, און וואונדער איבער וואונדער די שרעקליכע מגיפה האט זיך אויפגעהערט. נאכדעם וואס ס'איז באקאנט געווארן די וואונדערליכע סגולה פונעם ר"ר יהונתן'ס קמיעות, האט מען געעפנט די קמיעות צו זעהן וואס דארט שטייט, אבער דאן האט זיך אנגעהויבן א שערוריה -ווען אין שפיץ פון די מערכה איז געשטאנען **הגאון רבי יעקב עמדין זצ"ל** וואס האט דאן געוואוינט אין אלטונא- אז לויט ווי עס שיינט פון די שֵׁמוֹת און זאכן וואס שטייען געשריבן אין די קמיעות איז ווארשיינליך דער נייער רב פארכאפט (ח"ו) אין די נעץ פון דער משיח שקר שבתי צבי ימ"ש [וואס האט נאך געהאט נאכפאלגער אין יענע תקופה, און ס'זענען געווען אידן וואס פלעגן באהאלטענערהייט גלייבן אין איהם און נאכגיין אין זיינע וועגן]. פון דעמאלטס און ווייטער האט אויסגעבראכן א שרעקליכע מחלוקת וואס האט געבוזשעוועט אין דייטשלאנד און אין אנדערע מקומות אין אייראפע, פון וועלכע דער ר"ר יהונתן האט זיך צוזאמגעליטן גרויסע צרות און רדיפות, און עס האט געדויערט זייער לאנג ביז די מחלוקת האט זיך איינגעשטילט.

עס ווערט דערציילט אז דער **חתם סופר זי"ע** האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אז זינט דער דעה אין מדבר איז נאכנישט געווען אזא גרויסע דור ווי דער דור פונעם ר"ר יהונתן זי"ע, און ווען נישט די מחלוקת וואס האט דאן געהערשט וואלט משיח געקומען אינעם יענעם דור.

נאך זיין הסתלקות איז דער **ר"ר יהונתן זי"ע** נטמן געווארן אין די שטאט אלטונא ווי ער האט געדינט אלס רב, און אויף זיין מציבה איז אויסגעקריצט א נוסח וואס דער ר"ר יהונתן האט פאראויס געשריבן, ווערטער פון מוסר און התעוררות צו תשובה אז א מענטש זאל זיך מאכן א חשבון הנפש אז ס'בלייבט גארנישט פון איהם און ער גייט אין קבר, און אז מז'אל אנטלויפן פון כבוד און גרויסקייט.

המשך בעמוד ד'

# תולדותיהם של צדיקים

**דאס לעבן און שאפן פון**

# רבותינו הקדושים פון פרשיסחא און ווארקא

**זכותם יגן עלינו**

**מאמר ל"ח**

## רבי שרגא פייביל פון גריצא זי"ע מיט רבי זושא פלאצקער זי"ע

צווישן די גדולי התלמידים פונעם **רבי רבי בונם זי"ע**, זענען די צוויי הייליגע חברים וועלכע האבן זיך אינאיינעם מדבק געווען און זיך געקלאַמערט צום אור און קדושה וואס האט געשטראלט אין פרשיסחא, **הגה"ק רבי שרגא פייביל פון גריצא זי"ע** מיט זיין פריינט **הגה"ק רבי אלכסנדר זושא הכהן פון פלאצק זי"ע**.

רבי שרגא פייביל פון גריצא זי"ע איז געבוירן געווארן אין ווארשא צו זיין פאטער **הרה"צ רבי הירש דאנציגער זצ"ל**, וואס איז געווען פון די פון די חשוב'ע למדנים און תלמידי חכמים אין ווארשא, און איז געווען באקאנט מיט זיינע ברייטהארציגע מעשי צדקה וחסד, בפרט אין מצות פדיון שבויים, ווי אויך האט ער חתונה געמאכט מערערע יתומים און יתומות פון זיין פארמעגן. און ווי ס'שטייט אויף זיין מציבה "איש תם וישר כל ימיו עסק בתורה פדה שבויים והשיא יתומות ביתו פתוחה לאביונים".

רבי פייביל האט זיך אויסגעצייכענט פון קינדוויז אָן מיט זיין אהבת התורה און יראת שמים, און **הרה"ק רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב - דער קדושת לוי זי"ע** וועלכער האט איהם אמאל געזען אלס קינד, האט זיך אויסגעדרוקט אויף איהם אז ער וועט נאך וואקסן א גדול בישראל.

## ביי זיין רבי'ן דער חוות דעת

**רבי פייביל** האט אין אנהייב געלערנט ביי זיין גרויסער רבי **הגאון רבי יעקב פון ליסא - דער מחבר** פון די וועלט בארימטע ספרים **'חוות דעת'** און **'נתיבות המשפט'**. רבי פייביל איז ביז א קורצער צייט געווארן גאר א נאנטער תלמיד מובהק פונעם חוות דעת, זייענדיג א געוואלדיגער גאון און למדן, און זיין רבי האט איהם שטארק ליב געהאט. רבי פייביל האט אויך געהאט א חלק אין שרייבן און מסדר זיין דער צווייטער חלק נתיבות המשפט פון זיין רבי'ן. דער חוות דעת האט שפעטער מעיד געווען אויף זיין תלמיד רבי פייביל אז "ער האט א גרויסע מוח אזויווי איינס פון די גאונים", און אז זיין שֵׂכֶל איז א שֵׂכֶל הַיָשָׁר.

## ביים רבי'ן פון לובלין

ווען **רבי פייביל** האט פארלאזט ליסא זיך צוריקצוקערן אהיים קיין ווארשא, האט ער אפגעשמועסט מיט זיין חבר **רבי זושא** אז היות ער דארף סייווי פאָרן קיין לובלין, וועט ער אויספרואוון צו דערשמעקן וואס עס טוט זיך ביי די חסידים און אויב עס לוינט זיך צו באקענען מיט זייערע וועגן, און ער וועט לאזן וויסן פאר רבי זושא איבער זיין מסקנא.

רבי פייביל איז דאן פארבליבן אויף שבת אין לובלין, וואו ער האט מיטהאַלטן א שבת ביים **רבי'ן פון לובלין - דער חוזה זי"ע**. עס איבעריג צו זאגן די געוואלדיגע קדושה און לעכטיגקייט וואס רבי פייביל האט געפילט ביים חוזה, און איז געווארן שטארק צוגעבינדן און מקושר צו איהם, און ער מיט זיין חבר רבי זושא פלאצקער זענען געווארן חסידים און געפארן קיין לובלין.

נאך די הסתלקות פונעם רבי'ן פון לובלין זי"ע אין יאר תקע"ה, האבן די חברים אנגעפאנגן צו פארן צום **רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע**, און געווארן פון די גרויסע און חשוב'ע חסידים און תלמידים ביים רבי'ן רבי בונם זי"ע.

## די התקשרות צום ר"ר בונם

איבער דאס גרויס דביקות און צוגעבינדנקייט וואס **רבי שרגא פייביל זי"ע** האט געהאט צו זיין רבי'ן, האט מרן דער **ישמח ישראל זי"ע** דערציילט: אמאל איז דער **רבי רבי בונם** געווען אין ווארשא - וואו רבי שרגא פייביל האט נאך דעמאלטס געוואוינט, און רבי פייביל איז געווען דארט א גאנצע נאכט ביים רבי רבי בונם. רבי פייביל'ס שווער וואס איז געווען א מתנגד און האט נישט ליב געהאט די וועגן פון די חסידים, האט איהם זייער געשטערט דאס וואס זיין איידים גייט צו א רבי'ן און פארברענגט דארט לאנגע שעות, דעריבער, דאס קומענדיגע מאל וואס דער רבי רבי בונם איז געקומען קיין ווארשא, איז געגאנגען דער שווער און האט פארשפאַרט -פון אינדרויסן- די טיר פון רבי פייביל'ס צימער ווי ער איז געזעצן און געלערנט, אזוי וועט ער נישט קענען ארויסגיין צום רבי'ן. ווען רבי פייביל האט געוואלט ארויסגיין און פראבירט צו עפענען דעם טיר, האט ער געזעהן אז ער איז איינגעשפאַרט אין צימער, האט ער אנגעהויבן טראכטן ווער האט דאס געטוהן איהם איינצושפאַרן פון אינדרויסן. און ער האט תיכף פארשטאנען אז עס מוז זיין אז דער רבי רבי בונם איז דא אין שטאט און דעריבער האט איהם זיין שווער איינגעשפארט אין צימער אז ער זאל נישט קענען גיין... אזוי?! דער רבי געפינט זיך דא אין שטאט -האט רבי פייביל געטראכט צו זיך- מוז איך דאך טרעפן א וועג צו גיין, און עס האט אנגעהויבן צו ברענען אין איהם א געוואלדיגע חשק צו גיין זעהן זיין הייליגער רבי...

אינצווישן איז געקומען די רעביצין - די ווייב פון רבי פייביל, און זי האט איהם געוואלט ברענגען צו עסן אין זיין צימער, און זי באמערקט אז די טיר איז פארשפארט און זי קען עס נישט עפענען, זי קלאפט און זעצט אויפן טיר, אבער קיינער ענטפערט נישט. פון די גרויס גערודער איז איר טאטע געקומען צו גיין און ער האט איר בארואיגט אז ער האט פארשפאַרט דעם טיר ווייל ער האט נישט געוואלט אז רבי פייביל זאל גיין צו זיין רבי'ן, און ער האט דאן געעפענט דעם טיר. אבער ווי ערשטוינט זענען זיי ביידע געבליבן ווען זיין האבן דערזעהן אז דער צימער איז ליידיג און רבי פייביל איז נישט דארט... ווייל נישט האבענדיג קיין אנדערע וועג ארויס, איז רבי פייביל ארויסגעקראָכן דורכ'ן קוימען פונעם דאַך און פון דאָרטן זיך ארויסגעלאזט אין די גאסן פון ווארשא צו גיין צום רבי רבי בונם...

המשך מעמוד ג'

עס ווערט דערציילט אז **הרה"ק בעל תפארת שלמה פון ראדאמסק זי"ע** האט געהאט אפגעשריבן פאר זיך אויף א צעטל די דאזיגע נוסח המציבה, און עס גאר שטארק מחשיב געווען צוליב די געוואלדיגע מוסר השכל דערפון.

דער **ר"ר יהונתן זי"ע** האט איבערגעלאזט נאך זיך פילע חיבורים אין אלע מקצועות התורה וואס טוען באלייכטן די וועלט מיט זייער לעכטיגקייט, איבערהויפט זענען באקאנט זיינע ספרים **אורים ותומים** אויף חושן משפט, **כרתי ופלתי** אויף יורה דעה, וואס דינען אלס יסודות'דיגע און וויכטיגע ספרים ביז'ן היינטיגן טאג. ווי אויך זיינע ספרים על התורה און דרוש, ווי **יערות דבש** און נאך.

עס איז כדאי צו דערמאנען, אז **הגה"ק רבי שרגא פייביל פון גריצא זי"ע** איז געווען א סופר סת"ם, און ער האט זיך אפגעגעבן מיט שרייבן ספרי תורה, תפלין, און מזוזות. ער האט געהאט גאר אן אינטערסאנטע הנהגה, בשעת'ן שרייבן פלעגט ער אויך לערנען עפעס אנדערש אין די זעלבע צייט, [צדיקים האבן מֵעִיד געווען אויף איהם אז ער פאַרמאָגט צוויי מוחות, ווייל געוועגליך א מענטש קען נישט טוהן צוויי זאכן אויף איינמאָל, און ער מוז זיך גענצליך קאָנצעטרירן אויף איין זאך, אבער רבי פייביל האט געקענט שרייבן פרשיות, און לערנען א סוגיא אין די זעלבע צייט]. אין ספר **תפארת ישראל** ווערט געברענגט אז **בדרך כלל בשעת'ן שרייבן פרשיות פלעגט ער דעמאלטס עוסק זיין אין לערנען דעם ספר 'אורים ותומים' פונעם ר"ר יהונתן זי"ע, און פלעגט זאגן אז דער תומים** (אזוי ווערט דער ספר אנגערופן אין קורצען 'תומים' אין די תורה'דיגע וועלט) **איז מסוגל פאר ריינע מחשבות...**